STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03672

LOMIR ZINGEN

Sem Liptsin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נייער אמעריקאַנער מאַרש

(מעלאָדיע פון „קאָמיוגישער פלאָט־מאַרש“)

מיט בליציגן אימפעט, אף פליגלען צעשפרייטע,
טראָגט זיך דאָס וואָרט איבער שטאָט.
ארונטער מיט הערשער, ארונטער מיט „וואָל־סטריט“.
דער טראָן פון דעם גאָלדענעם גאָט...

צעצונדן אין רויט זיינען הערצער:
שטעלן זיך קעמפער אין ריי.
הענט סאַלוטירן! אין קאַמף זאָל אונז פירן!
די קאָמוניסטישע פארטיי!

פּנים׳ער שווארצע מיט ברוסטן צעכראַשטשעט,
ביילן מיט אימפעט די הענט,
פון מינען, פאַבריקן, הויבן זיך מוסקולן,
ברעכן מיט שטורעם די ווענט.
צעצונדן אין רויט, א. אז. וו.

פאַראייניגטע ראסן, רייסן די קייטן,
וואַרפן דעם שקלאַפן־לאַסט אַראָפּ,
קיין גאָט, קיין משיח, קיין טייפל, קיין רוח,
שרעקט זיי פון קאַמף מער ניט אָפּ.
צעצונדן אין רויט, א. אז. וו.

די שאַפער, די בויער, ברעכן דעם טויער,
פון וואַנען עס קומט אָן די נויט,
ארונטער מיט רעגירער, ארונטער מיט פאַרפירער,
וואָס טיילן דעם פאָלק צו דאָס ברויט.
צעצונדן אין רויט, א. אז. וו.

צעפלאַמט איז דאָס פייער, עס טראָגן זיך פונקען,
רויט ברענט דער אָנקום פון גליק.
מאַסן גרייט צו הערן, דאָס וואָרט פון קאָמינטערן, —
צום קעמפער פון פעלד און פאַבריק.
צעצונדן אין רויט, א. אז. וו.

די רויטע פאָן

(מעלאָדיע פון „סטענקא ראַזין")

יאָרן לאַנג געלעבט אין שווייגן
און פאַרנומען א „געבאָט",
וואָס דער רייכער האָט געשאַפן
אין דעם נאָמען פון א „גאָט"...

אָפן זיינען איצט די אויגן,
די כלי־קודש ראַמט מען אויס!
אַלע נאַציעס, אַלע ראַסן,
מוטיג רופן איצטער אויס:

ארונטער מיט דעם שאָוויניזם!
ארונטער מיט דעם רב און פּאָפּ!
גענוג געגאַרט, פאַרבלענדט די מאַסן,
גענוג פאַרגיפטעט זיי דעם קאָפּ!

פאַר נאַראָנים „יענע וועלטן".
מיר דאַרפן ניט קיין „גאָטס־געצעלט"!
אונזער האַנט האָט אַלץ געשאַפן,
אונז געהערט די גאַנצע וועלט!

האַנט אין האַנט, און אויגן אָפן
צו ניי־לעבן און פאַרשטאַנד,
מיט דעם בוך און ביקס מיר גייען
צו א וועלט פון איין פאַרבאַנד!

רויט פאַראייניגט אלע ראסן.
אויס מיט גאָט, און אויס מיט טראָן
אנשטאט טראָן — די רויטע רייען!
אָנשטאט גאָט — די רויטע פאָן!

דריטער פּעריאָד

(מעלאָדיע „יאָשקע פאָרט אװעק")

פּאַק זיך גיך, דו הער בורזשוי, װאָס מאַכסטו פוילע שטיק.
באַרג אַראָפּ איז איצט דײן גאַנג, ניטאָ קײן װעג צוריק!

גײ! גײ! גײ! גײ! און רו אַף יענער װעלט,
מיר װילן דיך ניט קענען מער, דײן פּנים און דײן געלט!

יאָרן לאַנג האָסטו געראַבעט, געלעבט פון מענטשלעכן בלוט
דעם אַרבעטער מיט נויט באַלוינט, אַלײן געלעבט זיך גוט.

גײ! גײ! גײ! גײ! א. אַז. װ.

ביזט זאַט געװען, גוט באַקלײדט, געװאױנט אין אַ פּאַלאַץ
איצט אַרױס, דו לומפּ בורזשוי, מאַך פרײ פאַר אונז
דעם פּלאַץ!

גײ! גײ! גײ! גײ! א. אַז. װ.

דער אַרבעטער, ער האָט דערװאַכט, ער קוקט זיך איצטער צו
װי אַף אַ זעקסטל פון דר'ערד, ביזטו אָפּגעמעקט, בורזשוי!

גײ! גײ! גײ! גײ! א. אַז. װ.

מיר װעלן פירן גאָר די װעלט, מיר שטײען איצט בײם ראָד...
מיר לעבן איצטער אין אַ צײט, פון דריטן פּעריאָד!

גײ! גײ! גײ! גײ! א. אַז. װ.

ארבעט אָדער לוין

(מעלאָדי „דהי האָל קאַפּיטאַליסט סיסטעם")

ארבעטסלאָזע רייען, גענוג זיך לאָזן שפּייען.
אַ קאַמף זיך צו באַפרייען — עס מוז נעמען אַ סוף!

ארבעט אָדער לוין!
ארבעט אָדער לוין!
ארבעט אָדער לוין!
אזוי ווייטער קען ניט גיין!

ניטאָ מיט וואָס זיך קליידן, די היים איז פול מיט ליידן.
קעמפן — אנשטאַט ריידן; עס מוז נעמען א סוף!

(רעפריין)

ניטאָ קיין ברויט פאַר מאָרגן, דער קאָפּ איז פול מיט זאָרגן,
ניטאָ מער וואו צו באָרגן — עס מוז נעמען א סוף!

(רעפריין)

הוואווער גיט הבטחות, טאַמאַס גיט אונז ברכות,
און וואָקער ווייזט אַ נאָז... עס מוז נעמען א סוף!

(רעפריין)

גענוג זיי טובות בעטען, גענוג זיי צערטלען, גלעטן.
פירט איין אין לאַנד סאָוועטן — דאַן וועט נעמען א סוף!

(רעפריין)

בויט, ארבעטער, אַ יוניאָן!

(מעלאָדי „סאָלידאַריטי פאָרעווער״)

צעשראָקן, שטייט איצט דער בורזשוי, — עס שאָקלט זיך
זיין טראָן,
דער ארבעטער, ער האָט דערוואכט; גענומען זיך צום טאָן.
מיט פרישע כוחות לייגט ער איצט א נייעם פונדאַמענט —
א יוניאָן שטאַרקט די הענט!!!

בויט, ארבעטער, א יוניאָן!!!
בויט, ארבעטער, א יוניאָן!!!
בויט, ארבעטער, א יוניאָן!!!
א יוניאָן איז אונזער מאַכט!

ניט העלפן וועט די ביוראָקראַטן דער „בלעקדזשעק״
מיט דעם „גאָן״,
ניט העלפן וועט זיי די פּאָלים, זיי קענען גאָרניט טאָן,
מיר קנעטן לייב און לייגן ציגל—עס וואַקסן שוין די ווענט.
א יוניאָן שטאַרקט די הענט!!!

בויט, ארבעטער, א יוניאָן א. א. וו.

מיט נייעם גלויבן, פרישן מוט, מיר טראָגן אונזער פאָן.
צום ארבעטער, אין שאַפּ, אין גאַס, געבן אונזער טאָן.
דעם אייזן שמידן מוזן מיר, כל־זמן דער אייזן ברענט. —
א יוניאָן שטאַרקט די הענט!!!

בויט, ארבעטער, א יוניאָן א. א. וו.

אין די רייען שטעלט זיך אויס, אין דער יוניאָן שליסט זיך אָן,
מיר וועלן אלעמען באַווייזן, וואָס מיר קענען טאָן.
אונזער שלאָג־וואָרט איבעראל מאַכן אים גוט באַקענט, —
א יוניאָן שטאַרקט די הענט!!!
בויט, ארבעטער, א יוניאָן א. א. וו.

שלים זיך אָן!

(מעלאָדיע „העפּי איז די דעי")

פאָלג נאָך די רויטע פאָן, שלים זיך אָן, שלים זיך אָן (2 מאָל)
פאָלג נאָך די רויטע פאָן, וואָס פירט דיך אויבן אָן.
פאָלג נאָך די רויטע פאָן, דו פּראָלעטאַר!
סאָוועטן־מאַכט! סאָוועטן־מאַכט!
איבער דער ליינג און דער ברייט פונ׳ם לאַנד
שאַף אָפּ די נויט און פּיין, שיק בורזשוי אין דר׳ערד אריין!
אליין צו פירן ביזטו שוין אימשטאַנד!

עס שאָקלט זיך דער טראָן, איי דער טראָן, איי דער טראָן,
(2 מאָל)
עס שאָקלט זיך דער טראָן, דער באָס שטייט איצט אין קאָן.
עס שאָקלט זיך דער טראָן פון קאַפּיטאַל!
סאָוועטן־מאַכט! סאָוועטן־מאַכט!
איבער דער ליינג און דער ברייט פונ׳ם לאַנד,
שאַף אָפּ די נויט און פּיין, שיק בורזשוי אין דר׳ערד אריין!
אליין צו פירן ביזטו שוין אימשטאַנד!

גענוג איי־עף־אָף־על, שווארץ און געל, שווארץ און געל
(2 מאָל)
גענוג איי־עף־אָף־על, מאַך פון זיי א תל,
גענוג איי־עף־אָף־על, זאָל זיין גענוג!
סאָוועטן־מאַכט! סאָוועטן־מאַכט!
איבער דער ליינג און דער ברייט פונ׳ם לאַנד,
שאַף אָפּ די נויט און פּיין, שיק בורזשוי אין דר׳ערד אריין!
אליין צו פירן ביזטו שוין אימשטאַנד!

פּיקעט! פּיקעט! פּיקעט!

(מעלאָדיע „ראָשן טו־סטעפּ“)

מוטיק, בראַווע סטרייקער,
קאַמף מיט אַלע שונאים.
מ׳קען שוין מער ניט מאַכן אונז
פאַר גרעסערע קבצנים.

פּיקעט, פּיקעט, פּיקעטן,
סטרייק איז אונזער וואָפן;
פּיקעט, פּיקעט, פּיקעטן,
מיר ווילן מער ניט שקלאַפן.

מעגן אַלע שווארצע טאַנצן ארומגענומען;
ווער מען דאַרפן ארבעטן, מוז מען צו אונז קומען.

(פּיקעט, א. א. וו.)

די יוניאָן ברעכן ווילן זיי, אויף אונזער קארק נאָר זיצן;
נו, חברים, אין דער ליין, די יוניאָן מוז מען שיצן.

(פּיקעט, א. א. וו.)

מעג זיך אונזער שונא שפּרינגען ווי א טיגער;
מיר וועלן אַלע זיכער פון קאַמף ארוים די זיגער!

(פּיקעט, א. א. וו.)

זיי מעגן אַלע בילן, פאַר וויטאג זיך צערייסן;
פאַרלאָרן האָבן זיי די ציין, זיי קענען מער ניט בייסן.

(פּיקעט, א. א. וו.)

שטייט אַ הייזל

(מעלאָדיע „ביי דעם שטעטל שטייט א הייזל")

שטייט א הייזל, רופט זיך 'פאָרווערטס"
מיט א געלן דאך.
און אַרום דעם הייזל וואַקסן
„יענטעלאך" א סך.

און גענאָסע דער און יענער
איז דער באַלעבעסל;
פירט די גרענדע, האַנדלט, וואַנדלט
אין דעם „פאָרווערטס-געסל".

מיט דער באַוועגונג איז דער „פאָרווערטס"
שוין לאַנג אוים מחותן,
פון דעם שמירן און פאַרפירן
לעבן פראָסטיטוטן.

און פון הייזל לאָזט זיך „הערן"
דער עובר־בטול טיפּוש;
קומען יאַכנעם, לעקן, שמעקן,
קוועלן פון דעם עיפּוש.

שטייט א הייזל — דרוקט א „פאָרווערטס",
געל איז דאָס ווי שיימעס;
קייט מען אָפּ א צייט דאָס „בינטל"...
ווערט מען גוטע בהמות...

האָפּ מיר, די קאָמוניסטן!

(מעלאָדיע „האָפּ מאיו הרעטשאניקי״)

מיטן סערפּ און מיטן האַמער מיר גייען אין די גאַסן,
איבעראַל עס פאָלגן נאָך די אַרבעטער אין מאַסן —

האָפּ, מיר, די קאָמוניסטן,
האָפּ מיר, די רויטע,
הערן דאָס די סאָציאַליסטן,
ווערן זיי גלייך טויטע. (2 מאָל)

ניט קיין לעבן, ניט קיין מוט, ניטאָ שוין ביי גענאָסן,
די פּרינציפּן לאַנג פאַרקויפט, די פּראַזן אויסגעשאָסן.

(האָפּ מיר, א. אז. וו.)

דער פרויען קאונסיל אַרבעט שווער, די פרוי צום קאַמף באַזייגען;
די רעכטע פרויען קעמפן אויך — א פּויקער־גיים געווינען.

(האָפּ מיר, א. אז. וו.)

אַן אָרקעסטער פון מאַנדאָלין און פון געזאַנג פיל כאָרן;
די רעכטע הערן קענען ניט, זיי זיינען טויב געוואָרן.

(האָפּ מיר, א. אז. וו.)

קאָאָפּעראַטיוון האָבן מיר, פון יוגנט א סך קלובן;
די רעכטע האָבן א בית־עולם, און ווילן אַלץ באַגראָבן.

(האָפּ מיר, א. אז. וו.)

ווייל א רעכטער נאָכטאַנצן, אביסל זיך דערהויבן;
די פּאָלעס, דאכט זיך, הויבט ער אויף, די פיס—קען ער ניט הויבן.

(האָפּ מיר, א. אז. וו.)

א „פּירער“

(מעלאָדיע „זינג איך מיר אַ לידעלע“)

געווען איז ער א „פּירער“ אין דער „איי־עף־אָף־על“
שטענדיג נאָר פאַרטיידיגט וואָס שוואַרץ איז און געל;
האָט ער איצט געקראָגן פון דעם ·אַרבעטער אַ פּסק —
זינג איך מיר א לידעלע: האָפּ־טשאַק־טשאַק.

אין וואָל־סטריט איז ער אַ מאַכער, געמאַכט דאָרט געלט א סך,
האָט דאָס רעדל זיך אַ דריי געטאָן, געקומען איז דער „קראַך“.
איצט איז ער געבליבן אָן געלט און אָן „סטאַק“ —
זינג איך מיר א לידעלע: האָפּ־טשאַק־טשאַק.

לויפט ער איצט אַרומעט און שרייט אָן א סוף:
עס ווילן די קאָמוניסטן פון אַלעף ביז טאָף!
לאַכן זיך די אַרבעטער, און גיבן קנאַק, נאָך קנאַק!
זינג איך מיר א לידעלע: האָפּ־טשאַק־טשאַק.

דער אַרבעטער, ער קאן אים, ער ווייס שוין זיין פּאַרראַט
אין וואָל־סטריט א משרת, אין דער יוניאָן א ביוראָקראַט,
דאָך אויסטאָן וועט ער מוזן דעם צילענדער מיטן פראַק.
זינג איך מיר א לידעלע: האָפּ־טשאַק־טשאַק.

מאַך זיך פריי!

(מעלאָדע „יו וויל היט באַי ענד באַיי")

גייען ארבעטער ארום שטאַרק פאַרזאָרגט
אומעטום שוין גענומען, געבאָרגט,
פוסטע היימען געלאָזן, אָן אַ סענט,
ניטאָ ערגיץ־וואו צו פאַרדינגען די הענט.

ארבעטספרוי! ארבעטסמאַן!
גענוג געגאַנגען ביסטו, אין געשפאַן,
הויב דיין קאָפ, און וואַרף אַראָפ!
טיראַניי! שקלאַפעריי! מאַך זיך פריי!

בויען זיך הייזער מיט ארבעטער׳ס כח,
ציגל ליגט מען עס גייט אזש א רויך,
קומט אַ לענדלאָרד און קלאַפט אָן אין טיר
צאָלסט קיין רענט ניט — אין גאַס ליג און פריר.

(רעפריין)

זיצט אַ וועבער ביים וועב שטול און וועבט,
ביים מאשין זיצט אַ שניידער און שטעפט.
קומט א רייכער פאַרפוצט אין א פראַק,
אַ באַלעבאָס איז דער שלאַק פון האַק און פאַק.

(רעפריין)

ליגן מיינער און גראָבן אין שאַכט,
גייען טעג דורך פינסטער ווי נאַכט,
און אין הויז עס הערשט הונגער און נויט,
ניטאָ קיין קוילן און ס׳פעלט אפילו ברויט.

(רעפריין)

הער נאָר, הער, פון דיין חבר דעם רוף!
אין אַ קאַמף מיט דיין שונא, שטיי אויף!
דו האָסט כח, יע! דו ביזט שוין אימשטאַנד,
צו באַהערשן אליין דאָס גאַנצע לאַנד!

(רעפריין)

סטרייק, סטרייק, סטרייק!

(מעלאָדיע „ראַז, דוואַ, טרי, רעביאַטישקי מיי")

די שטונדע האָט געשלאָגן צו ענטפערן דעם רוף;
פון אַלע זייטן קלינגט שוין ארבעטער, שטייט אויף!

איינס! צוויי! דריי!
שטעלט זיך אין דער ריי,
מיר מוזן זיך באַפרייען
פון יעדער שקלאַפעריי!

סטרייק! סטרייק! סטרייק!
צום קאַמף מיט נייעם מוט,
סטרייק! סטרייק! סטרייק!
ביז לעצטן טראָפן בלוט!

מאשינען זאָלן שווייגן, זאָל פוסטעווען פאבריק;
אָן יוניאָן, אָן קאָנדישאָנס, מיר גייען ניט צוריק!
איינס! צוויי! דריי!

יעדער האָט געלערנט, פארשטייט איצט גוט דעם זין:
א סקעב צו זיין איז מיאוס, א סקעב דאָס איז אַ שפּין.

איינס! צוויי! דריי!

ניט שרעקן זאָל קיין גענגסטער, קיין קלאָב פון פּאָליציי.
זיין זאָל נאָר איין ענטפער, אין פּיקעט־ליין אין גיי!

איינס! צוויי! דריי!

ס'איז אמת, זיי פארמאָגן מיליאָנען אָן א שיעור,
עס וועט זיי גאָרניט העלפן, די הענט — דאָס האָבן מיר!

איינס! צוויי! דריי!

געראַטעוועט

(מעלאָדיע „נסים ונפלאות")

דער ארבעטער פירט אָן אַ קאַמף,
די „פרייהייט" העלפט זיי קעמפן,
דער „פאָרווערטס" בייסן האָט געוואָלט,
נו, האָט ער איצטער קרעמפן.

אי, אי, אַי, אי, אי, נסים ונפלאות,
די יוניאָן איז געראַטעוועט פון די „פאָרווערטס" באַיעס.

מ'קען דעם „פאָרווערטס" איצט שוין גוט,
מ'קען אויך זיין גענאָסע;
דער „פאָרווערטס" איז אַ געלער הונט,
זיין „פירער" אַ ויזתה.
אַי, אַי, אַי, אַי...

מיר ווייסן וואָס דער „פאָרווערטס" וויל
מיט זיינע אונטערשטופער,
דער אַרבעטער אַ יוניאָן וויל,
און זיי, — זיי ווילן קופער...
אי, אַי, אַי, אַי...

דער „פאָרווערטס" האָט פארלאָרן
פון האַנט זיין קונצן־שטעקל...
דעם „געלן טכויר" דערקענט מען איצט
דורך זיין שווארצן עקל...
אי, אַי, אַי, אַי...

די אַרבעטער נאַרן קען מען ניט,
שטאָלץ הערט מען זיי זאָגן,
פאררעטער, ווילסט אַ פירער זיין? —
קויף אַ פערד און וואָגן!
אי, אַי, אַי, אַי...

געלע געגאָסן

(מעלאָדיע "קירכן־גלאָקן")

אך, וואָס בלאָפּט איהר, געלע גענאָסן?
הערט שוין אויף! גענוג געשאָסן
האָט איר אייערע פּוסטע פראַזן
אין דער אַרבעטער וועלט!

איר האָט שוין לאַנג פאַרקויפט דעם גלויבן
אבי פאַרנעמען נאָר דעם „אויבן"...
וואו עס לאָזט זיך גרינג צו מאַכן
פון אונזער פראַצע געלט.

אייערע אויגן שטענדיג ווינקען...
צו פאַרניכטן יעדן לינקן
און פאַרדעקן מיט אַ הכשר
פון רב אייבי קאהאַן.

אָ, איר זוכט נאָר סטרייקס פאַרניכטן
דורך שתדלנות אלעם שליכטן
און דעם קאַמף־גייסט אויסצולעשן
פון דעם יוניאָן מאַן.

ניין! איר קענט שוין מער ניט נאַרן,
דער אַרבעטער, ער האָט דערפאַרן
פון אייער שרייבן, פון אייער רעדן
ווייס ער וואו איר צילט.

ניט אויפצוקלערן, נאָר צו שטערן,
און דערפון אליין רייכער ווערן,
מאַכן „וואופּי" מיט די „באָיעס"...
דאָס איז וואָס איר ווילט!

לאָמיר אלע קעמפּער זיין!

(מעלאָדיע „האָב איך מיר מיין לעצטן דיים")

אלעם אונזער האָנט באשאפט, טראלילאם, טאלע לאם, לאם.
איינינקייט איז אונזער קראפט, טראלילאם, טאלע לאם, לאם.

ר ע פ ר י י ן:
ווער עס וויל א קעמפּער זיין,
קומט מיט מיר אין פּיקעט־ליין,
וועלן מיר אלע זינרייך זיין.
טראלילאם, טאלע לאם, לאם.

ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן, טראלילאם, טאלע לאם, לאם.
וואָס מיר קלעפּ און וואָס מיר שטראָפן,
טראלילאם, טאלע לאם, לאם.

(ווער עס וויל, א. א. וו.)

ניט קיין גרעפטער, ניט קיין באָס,
טראלילאם, טאלע לאם, לאם.
וועט אונז פירן פארן נאָז, טראלילאם, טאלע לאם, לאם.

(ווער עס וויל, א. א. וו.)

פול מיט לעבן, פול מיט הארץ, טראלילאם, טאלע לאם, לאם.
פארבן מיר רויט, אלץ וואָס שווארץ,
טראלילאם, טאלע לאם, לאם.

(ווער עס וויל, א. א. וו.)

עס זאָגט שוין אָן דער „פרייהייט"־גלאָק,
טראלילאם, טאלע לאם, לאם.
פאלן וועט דער צענטער שטאָק, טראלעלאם, טאלע לאם, לאם.

(ווער עס וויל, א. א. וו.)

אין פּיקעט ליין

(מעלאָדיע פון „רויטן פּריזיוו")

ווען איך גיי אין פּיקעט ליין
מיט די מאַסן,
לויפן גלייך פאָלים אף גיך
אין די גאַסן.

וואו־זשע גייט איר — שרייען זיי —
„באָיעס", „מוידן" ?
מאַכן טומל, מאַכן סטרייקס,
שאַפן ליידן.

ס'פעלט דעם אַרבעטער קיין זאַך,
ניטאָ קיין נויטן,
וועט איר וואַגן פּיקעטן,
וועל איך טויטן !

מוטיק שטעל איך זיך אוועק
לאַך אין פּנים.
„בלויער ראָק", דו רעדסט אָט דאָ
פאַר די שונאים.

אויף דער פּיקעט־ליין איך גיי,
אונזער וואָרט זאָגן ;
וואו א גרעפּטער און א סקעב
צו פאַריאָגן.

קיינער וויל די רעכטע פירער ניט געטרויען,
מיר וועלן איבער אַלע קעפּ א יוניאָן בויען !

שונד

(מעלאָדיע „סאַם")

קוק איך אויף א געלער צייטונג,
וויים איך שוין איר באַדייטונג —
שונד.

ס'האָט קיין קאָפּ, ס'האָט קיין צורה,
אָנגעפילט איז יעדע שורה —
שונד.

שונד די נייעס, שונד ראָמאַנען,
אַלע פּאָלגן נאָך איין קאַהאַנען —
שונד.

גיי איך זען אידיש טעאַטער,
טרערן — אויגן, ווי פון קאַטער —
שונד.

ס'האָט קיין אינהאַלט, ס'האָט קיין טעם;
יעדעס וואָרט איז גראַם און שטראַם —
שונד.

שונד אין פּראָזע, שונד אין גראַמען,
טרערן — אויגן גאַנצע ים'ן —
שונד.

אויף דער ראַדיאָ און דורך פידל
זינגט מען אייך נאָר איין לידל —
שונד.

ס'האָט קיין טעם, ס'האָט קיין ריח,
מ'שטאָפּט אייך אָן א פולן מח —
שונד.

שונד אין ריידן, שונד אין שווייגן,
איינס דאָס צווייטע וויל איבערשטייגן —
שונד.

ארבעטער, ארבעטער!

(מעלאָדיע „יאַמע, יאַמע“)

— ארבעטער, ארבעטער, הער צו דאָס לידעלע,
וואָס דער „פאָרווערטס“ וויל,
דער „פאָרווערטס“ וויל זיין קארטע באשיצן,
מוז ער שטענדיג די ביוראָקראַטן שטיצן.

— ניין, „פאָרווערטס“ ניין!
דיינע פירער מוזן גיין!
מיר קענען די פארפירער!
מיר ווייסן גוט דיין מיין!

— ארבעטער, ארבעטער, הער צו דאָס לידעלע,
וואָס עס זינגט אונז דער „טאָג“:
דער „טאָג“, ער וויל מיר זאָלן טאמאני שטיצן,
מאַכט ער זיך שטענדיג צוויי שטולן צו זיצן:

— ניין, „טאָג“ ניין!
די טאַמאַני־ביזנעס וועט ניט גיין!
פאַר אונז ביזטו קיין „טאָג“ ניט!
מיר ווייסן גוט דיין מיין!

—ארבעטער, ארבעטער, הער צו דאָס לידעלע,
וואָס די "פרייהייט" וויל:
די „פרייהייט“ קעמפט פרייהייט אונז שאפן,
עס זאָל מער ניט זיין קיין הערשער און שקלאפן.
— יאָ! „פרייהייט“, יאָ!
דיין וואָרט איז שטאַרק און שיין!
דו ביזט אונזער וואפן!
קלאָר איז אונז דיין מיין!

אי, דאָס בינטעלע

(מעלאָדיע „שאַ, שאַ")

שאַ, שאַ, דער „פאָרווערטס" שרייט,
אוי, אוי, די לינקע־לייט
טרייבן אים פאר דער צייט
אין דער אונטערוועלט.

אי אין בינטעלע, איז פאַראַן א הינטעלע,
רק ער בילט, וואָיעט, שילט
פון דעם צענטן שטאָק,
באַסעלאך, גענאַסעלאך
קניען, לאַשטשען זיך צו אים,
אי, איז דאָס א הינטעלע, אזא יאָר אויף אים.

שאַ, שאַ, ס'איז א געוואלד
אוי, אוי, ס'איז היים און קאַלט,
די צירקולאַציע פאַלט
פון דעם צענטן שטאָק.
(אָי אין בינטעלע...)

שאַ, שאַ, עס קומט דער סוף,
דער הונט — ער קריגט זיין שטראָף,
דער אַרבעטער שטייט אויף
און גיט אים מיטן פוס...
(אָי אין בינטעלע...)

הער נאָר צו, דו ארבעטער

(מעלאָדיע „הער נאָר שיין מיידעלע")

הער נאָר צו, דו אַרבעטער, הער נאָר צו, דו אַרבעטער,
פאַרוואָס ווילסטו פאָרן אין סאָוועטן־לאַנד?

צו די סאָוועטן וויל איך פאָרן,
זען וואָס איז דאָרט איצט געוואָרן
פון דעם אַלטן צאַרן־לאַנד.

הער נאָר צו, דו אַרבעטער, הער נאָר צו, דו אַרבעטער,
פאַרוואָס ווילסטו פאָרן אין סאָוועטן־לאַנד?

ווייל אַרבעטער זיינען איצט ווילקאָמען
דאָרט, וואו ס'איז געווען פאָגראָמען
אין דעם אַלטן צאַרן־לאַנד.

הער נאָר צו, דו אַרבעטער, הער נאָר צו, דו אַרבעטער,
פאַרוואָס ווילסטו פאָרן אין סאָוועטן־לאַנד?

ניטאָ קיין אָרים, ניטאָ קיין רייך,
אַלע זיינען איצטער גלייך,
אין דעם אַלטן צאַרן־לאַנד.

הער נאָר צו, דו אַרבעטער, הער נאָר צו, דו אַרבעטער,
פאַרוואָס ווילסטו פאָרן אין סאָוועטן־לאַנד?

איך וויל קריגן מוט צום טאָן
האַלטן פעסט די רויטע פאָן,
מאַכן וועלט סאָוועטן־לאַנד.

די געלע קאַרעטע

ר ע פ ר י י ן :

ארום א געלער קאַרעטע
זיצן שרייבער פיל,
זיי רעדן פון דעם ארבעטער,
און לאַכן אין דער שטיל.

זאָגט זיך צביון מיט א וויץ — איך בין פאַר אייך זיך מודה:
איך וואָלט נאָך זיין א קאָמוניסט, ווען מ׳צאָלט מיר „פיידע“.
(רעפריין)

וואָס טויג מיר זיין א קאָמוניסט, — זאָגט ראָגאָף מיט חרטה,
איך מוז האָבן „סאַלערי“, מעג דאָס זיין פון בלאָטע .
(רעפריין)

רעוואָלוציע, — באָטווינניק לאַכט, — וואָס האָט דאָס
פאַר א זינען,
די אַרבעטער ווילן דיקטאַטור, מיר ווילט זיך פאַרדינען.
(רעפריין)

ליטוואַק האָט איינגאַנצן שוין פון דעם קאַמף פאַרגעסן,
אין דער גרויסער קאָרעטע, זוכט ער פיש... צו עסן.
(רעפריין)

פיינעבוים גאַנץ רואיג גייט מיט דער געלער באַנדע,
רייסט ארוים פון זיך א בלאַט... און דעקט... די
„פאָרווערטס“־שאַנדע.
(רעפריין)

וולאַדעק האַלט די קאָרעטע, אייבי האַלט דעם בינטל,
כאַנין האַלט די פענצטער צו פון א נייעם ווינטל...
(רעפריין)

האַלעלויאַ, איך בין אַ באָם

(מעלאָדיע „אי עם עי באָם")

איך זוך ארום ארבעט,
איך דריי זיך אין גאַס,
אין מויל איז מיר טרוקען. . .
אין די שיך איז מיר נאַס.

האַלעלויאַ, בין איך אַ באָם?!
האַלעלויאַ, א באָם בין איך?!
האַלעלויאַ, אזא וועלטל
זאָל שוין כאַפּן דער רוח.

שטיי אויף אין פרימאָרגן,
קוק אין צייטונג אריין,
גע͏פינען אוים א דזשאב,
טרעף איך א טויזנט אין ליין.
האַלעלויאַ, א. אז. וו.

קום איך אהיים,
עס דריקט שטאַרק די נויט,
דער לענדלאָרד רייסט רענט,
דאָס קינד שרייט: גיב ברויט.
האַלעלויאַ, א. אז. וו.

גיי איך אין גאַס
מיט צעריסענע שיך,
זע איך נאָך מענטשן,
פאַראָרימט, ווי איך.
האַלעלויאַ, א. אז. וו.

גיי איך מיט זיי,
און ווער דאָך ניט מיד, —
ניטאָ וואָס צו עסן,
זינג איך דאָס ליד. . . —
האַלעלויאַ, א. אז. וו.

שאַפּ דעלעגאַטן

(מעלאָדיע „יאַך וועל זיין א חסידל א גוטער")

עס קוקט שוין איצט דער אַרבעטער מיט אָפענע אויגן,
ער איז שוין איצטער ניט פאַרשלאָפן.
ער זעט שוין וואָס עס טוט זיך אין זיין יוניאָן,
ווי זיין „פירער" פלעגט אים בלאָפן.

הער, נאַר, ברודערל, ווייז דיין מאַכט!
נעם צוזאַמען דיינע קרעפטן,
פאַרטרייבן ווערסטו די אַלע פייקערס,
וואָס מאַכן פון יוניאָן — געשעפטן.

א גרעסערן פּראָדאָקשאָן שטענדיג ער סעטלט,
אַ טאָג אַרבעט — זאָגט ער — מוזטו מאַכן;
און אליין זיצט ער אין אַ „מואווי",
פאַרברייננגט זיך מיט אַנדערע זאַכן.
(רעפריין)

צו די באַלעבאַטים שטענדיג ער שמייכלט,
ער מאַכט זיי אלערליי האַוואַיעס,
אליין צו ווערן אַ באָסעלע וואָס גיכער
גייט אים אוים דאָס חיות.
(רעפריין)

די שענסטע פראַזן זוכט ער צו באַנוצן,
זיינע ליגנס צו באַהאַלטן,
קויפן, פאַרקויפן אלערליי פּרינציפּן,
די ממשלה אָנצוהאַלטן.
(רעפריין)

גענוג געדולדעט און געשוויגן,
געלאָזט זיי פאַרקויפן און פאַרראַטן,
אוועקגענומען די מאַכט פונעם פירער,
איינגעפירט — „שאַפּ־דעלעגאַטן"!
(רעפריין)

צו א קעמפערן

(מעלאָדיע „קאַרטאָפל־ליד")

גיב דיין האַנט מיר מיידל
וואַרף אַ פונק פון אויג צו מיר
ענטפערן וועל איך מיט פלאַמען,
ווייל עס ציט מיין האַרץ צו דיר.

דיינע אויגן ברענען מונטער,
פול מיט פייער איז דיין בליק.
לאָמיר אויסקעמפן א לעבן,
וואָס זאָל פול זיין נאָר מיט גליק.

קום, אינאיינעם לאָמיר קעמפן!
שליסןביידע דאָ אַ בונד.
אויב דעם שונא'ס קויל וועט טרעפן,
וועסטו היילן מיר די וואונד...

לאָמיר ביידע גיין צוזאַמען,
זייט ביי זייט, אין איין ריי,
מיט יעדן קוש — א קויל דעם שונא,
און מיר שיסן — איינס און צוויי...

דו א סערפּ — און איך אַ האַמער
איך טראָג ציגל — און דו ליים
גליקלאַך לעבן וועלן מיר ביידע
אין אַ נייער, פרייער היים.

אין ארבעטער קעמפּ

(מעלאָדיע „אינים גרויסן דאָרף)

אין דעם שיינעם קעמפּ לוסטיק איז דאָ איצט —
א נייע ליד צו קענען זיצט מען און מ׳שוויצט.

(2 מאָל)

אף דעם גרינעם גראָז, מ׳זיצט און מען שטודירט,
איינער זאָגט די ווערטער, א צווייטער — דיריגירט.

(2 מאָל)

— אביסל העכער זאָג, — שרייט איינער אוים מיט כעס,
צעטומלט זיך סאָפּראַנא און פאַנגט אָן זינגען באַס.

(2 מאָל)

זיצט דערביי א יאַט, א יאַט מיט רויטע בלוט,
פאַנגט ער אָן צו זינגען, וואָס אַלע קענען גוט.

(2 מאָל)

צעטראָגט זיך ווייט דאָס ליד, ווי א זונען־שטראַל
ווייל געזונגען האָט ער — דעם „אינטערנאַציאָנאַל“.

(2 מאָל)

אינהאַלט:

נייער אמעריקאנער מארש — 1
די רויטע פאָן — 2
דריטער פעריאָד — 3
ארבעט אָדער לוין — 4
בויט, ארבעטער, א יוניאָן — 5
שליס זיך אָן ! — 6
פיקעט ! פיקעט ! פיקעט ! — 7
שטייט א הייזל — 8
האָפ מיט די קאָמוניסטן ! — 9
א „פירער" — 10
מאַך זיך פריי ! — 11
סטרייק ! סטרייק ! סטרייק ! — 12
גערעטעוועט — 13
געלע גענאָסן — 14
לאָמיר אלע קעמפער זיין ! — 15
אין פיקעט ליין — 16
שונד — 17
ארבעטער, ארבעטער! — 18
אי דאָס בינטעלע — 19
הער נאָר צו, דו ארבעטער — 20
די געלע קאָרטעט — 21
האַלעלויא, איך בין אַ באָם — 22
שאַפ דעלעגאַטן — 23
צו אַ קעמפערן — 24
אין קעמפ — 25
„ניטגעדאיגעט" — 26
קאָאָפעראטיוו ליד — 27
לעבן זאָל דער קעמפ — 28
קינדערלאַנד — 29
יוניטי קעמפ — 30
אין אַרבעטער קעמפ — 31

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK 4:6